RADOMER KIELCER LEBEN № 12 (182) „Należytość pocztową uiszczona ryczałtem" ראדאמער קעלצער לעבען

# ראדאמער-קעלצער לעבען


פרייז 10 גראשען.

אדרעס
פון „ראדאמער-קעלצער לעבען"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielzer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען פרייזן!

איין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקסט 20 גר.
„ „ „ אין „ 40 „
„ „ „ נאכ'ן „ 18 „

די ערשטע זייט ענטהאלט 8 שפאלטען
אין טעקסט און לעצטע זייט 4 „

1-go kwietnia 1927 r.

ראדאם פרייטאג כ"ח אדר ב' תרפ"ז פאר'ן אינהאלט פון טעקסט אין די אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך



שיינדיל ראזענבלאט
שאול רובין
## געהייראט
תל-אביב 24 מערץ 1927

צו דער חתונה פון אונזער ליבע טאכטער און שוועסטער
שיינדיל מיט ה' שאול רובין (תל-אביב)
שיקען מיר אייך אונזערע הארציגסטע ברכות, זאל אייער
פעראייניגונג אייך אייביגע צופרידענהייט ברענגען.
עלטערן, שוועסטער און ברידערן
ראזענבלאט.

Z intencji zaręczyn
p. **Artura Wajnberga** z p. **Ewą Zylbersztajnówną**
życzymy aby Ich nowa droga życia była usłana kwiatami.
**TENENBAUMOWIE.**
Rwańska № 19

צו די תנאים פון ה'
מ. נוסבאום מיט פר"ל מאניע ווייס
וואונשען א הערצליכען מזל-טוב און פיל גליק.
**יונה בירענבוים**
**עט פאמיליע.**

א הארציגען מזל-טוב צו דער פערלאבונג פון מיין
געשעפט'ס-פיהרער ה'
מ. נוסבאום מיט פר"ל מאניע ווייס
זאל גליק און צופרידענהייט אייביג בעגלייטען
זייער נייעם לעבענס-וועג.
**חיים בירענבוים עט פאמיליע.**

צום פערלאבונג פון מיין ג. חבר
ה' משה נוסבאום
מיט פרל' **מאני** ווייס
ווינש איך פיעל גליק און צופרידענהייט.
**אברהם ריישער.**

כשר לפסח **קאנקורענץ!** כשר לפסח
**וויין, מעד, י"ש, כרמל**
די לאנג עגזיסטירענדע פירמע
**„ירמיה ראזענבערג"** (וואלאווע 21)
איז פארזעהן אויפ'ן קומענדען פסח מיט א גרויסן אויסוואהל פון פערשידענע
**וויינע אויסלענדישע און אינלענדישע, מעד,**
**י"ש 90° — 96° ווי אויך כרמל.**
די רעעלקייט און כשרות פון דער פירמע איז אלגעמיין בעקאנט דעריבער קויפט
נור ביי **ירמיה ראזענבערג** וואלאווע № 21

צו דער פערלאבונג פון מיין קאלעגע
מ. נוסבאום
מיט פר"ל מאניע ווייס
וואונש איך די הארציגסטע גליק און
אייביגע צופרידענהייט.
**לעאן קאלטמאן.**

Z okazji zaślubin
p. **Ireny Fiszmanówny**
– z p. –
**Mieczysławem Rottszteinem**
w Lublinie
Serdeczne życzenia beztroskiej
przyszłości zasyła
**Hanka Sobel.**

די ראדאמער אבטיילונג פון דער געזעלשאפט **„טאז"**
מאכט בעקאנט, אז דעם 15 אפריל ד. י. ווערט געעפענט
אויף דלוגא 24 א היגיענישער פאלקס-אוניווערזיטעט. יעדע וואך
(פרייטאג, פון 8 ביז 9 צו אווענט) וועלען פארקומען פאפולערע
לעקציעס, וועלכע וועלען געהאלטען ווערען דורך לעקטארען-
דאקטוירים. די ערשטע פארלעזונג קומט פאר דעם 15 אפריל ד. י.
פרייטאג, פינקטליך 8 אווענד פון **ד"ר יעקב פאמראק** א. ד. ט.
**„דער קאמפף געגען שווינדזיכט אין די פאבריקען און ווארשטאטען"**
(מיט ליכט-בילדער). איינגאנג אומזיסט פאר אללע!

אנו מביעים את השתתפותינו בצערו העמוק של חברנו
**משה פרנקל**
על מות **אמו**
בהשיג את מכרתך תמצא את הנחמה.
תל-אביב (א"ו) תרפ"ז **יפה רוזנבלט ושאול רובין**

**אויף פסח וויין און קאניאק**




# „כרמל"

פיעל אדער ווייניג-עטוואס **„כרמל"-וויין**
מוז זיך געפונען אויף יעדען יודישען טיש.
**„כרמל" וויין איז גוט, נאטירליך און**
**כשר לפסח** אפילו למהדרין מן המהדרין.
די שוין-מאריסע פון ארץ ישראל'דיגען **אמת'ן**
**„כרמל"-וויין איז 2 „מרגלים" טראגען**
דעם אשכול (אשכול ענבים אחד וישאהו במוט בשנים
במדבר י"ג כ"ג).

נאך קורצע ליידען איז אין עלטער פון 72 יאהר געשטארבען דעם 3 30 1927
**הערשיל באנקער** ז. ע. (הריז אייגענטימער אין ראדאם)
וועגען דעם שרעקליכען פערלוסט זענען מודיע די אין טרויער פערבליבענע
**פרוי, זיהן, טאכטער, איידעם, שניר און פאמיליע.**

# ווי האלט עס מיט דער פסח-אקציע?

אלע יאהר אין דער צייט האט מען ווי-ניט-איז שוין געהערט פון א געפלאנטע אקציע אויף פסח. ס'איז אויף דעם געביעט יעדנפאלס געטוהן געווארען. אזוי די גמינע ווי די געז. „עזרה" האבן עטליכע וואכען פאר פסח אנגעהויבען זיך פערטראכטען וועגען צונויפשטעלען די געהעריגע מיטלען פאר א פסח-אקציע פאר די פיל הונדערטער הילפ'ס-בעדערפטיג'ע אין אונזער שטאדט.

פאראיאהרען איז ביי דער גמינע געשאפען געווארען א ספעציעלער רעטונג'ס-קאמיטעט, וואס האט געוועקט און גערופען די יודישע בעפעלקערונג מיט קול קורא'ס און הייסע אויפרופען. פון איין זייט האט דער קאמיטעט איינגעארדענט א עקסטרא פערטיילונגס-פונקט אויף די פסח'דיגע פראדוקטען און פון דער צווייטער זייט האט די „עזרה" אויך נישט געשלאפען און לויט איהרע מעגליכקייטען אנטקעגנגעקומען דער ארימער בעפעלקערונג מיט פערשידענע שטיצעס אויף פסח. היינט איז צו פסח שוין קיין גאנצע דריי וואכען נישט און מען הערט נאך נישט, אז ס'זאל בפועל אונטערגענומען ווערען א וועלכער ס'איז אקציע אויף פסח.

אין „עזרה" איז דורכגעפיהרט געווארען א רעגיסטראציע פון די פיל נויטבעדערפטיגע אויף פסח, אבער לויט ווי מען אינפארמירט אונז איז נאך נישט בעוואוסט צי „עזרה" וועט היי-יאהר בכח זיין צו רעאליזירען איהר יאהר-יעהרליכע טראדיציאנעלע פסח-שטיצע. די סבה איז א גאנץ פשוט'ע — זי האט נישט קיין געלד. שוין א לענגערע צייט, ווי די דאזיגע הילפס-אינסטיטוציע געפינט זיך אין א גרויסען קריזיס און אויך איהר וואכעדיגע שטיצע ווערט פשוט דארט אויסגעפיהרט מיט מסורת נפש און ביי די גרעסטע אנשטרענגונגען.

אויך מצד דער גמינע הערט מען אויך נאך נישט, אז מ'זאל זיך דארט גרייטען צו א פסח-אקציע. די קמחא-טראדיציע, וואס איז ביי יודען פון אייביג-אן געווען א הייליגער חוב, איז לעצטענס אראב פון איהר גלאנץ, און אויב שוין יא פערנעמענדיג זיך דערמיט, ווערט עס מעהר געטוהן אויס געוועהנליכער פילאנטראפיע, צו-פראזאיש, טרוקען און גאנץ וועניג מיט דעם א מאליגען ברידערליכען מיטלייד און סענטימענטאלען מיטגעפיהל.

מיט יאהרען צוריק, אז ס'איז געקומען ערב פסח, זענען די שענסטע בעלי בתים פון שטאדט געגאנגען מבית לבית און געזאמעלט אויף קמחא דפסחא און יעדער האט זיי אנטקעגנקומענדיג מיט די שענסטע נדבה ענטפאנגען בסבר פנים יפות. זיי האבען דערין נישט געפיהלט קיין שום פחיתת הכבוד, אדרבה, זיי האבען זיך געפיהלט געהויבען מיט דער דאזיגער דבר מצוה. און זייער התלהבות, זייער צאפעלדיג יודיש הארץ האט זיך כלל נישט גענויטיגט פריהער אין די פערשידענע קאמיטעטען. קאמיסיעס, זיצונגען און די כלערליי רעקלאמע-פאמפעס. היינט זענען אזעלכע יודען מעהר נישט בנמצא. און אלע אקציעס, אפילו פילאנטראפישע, ברויכן פריער דורכגען די אלע פריערדיגע אינסטאנצען פון אונזער מאדערנער געזעלשאפט. אונמיטעלבארע איניציאטיוו ווערט היינט מעהר נישט אנערקענט און דעריבער, אז דער „דזשוינט" האט היי-יאהר נישט געשיקט אויף פסח קיין שטיצע, איז רעכט צו בלייבען גלייכגילטיג, מעג זיין אפילו צו א קמחא-אקציע.

וואס זשע וועט פארט זיין מיט די הינדערטער פאמיליעס און די טויזענדער נפשות, וואס נויטיגען זיך אין שטיצע אויף פסח? אז נישט די גמינע און נישט די „עזרה, ווער זשע וועט זארגען פאר די הונדערטער נצרכים, צווישען זיי אויך די פיעל בכבוד'ע, וואס קאנען שטילערהייד אויסגעהן און נישט אויסשטרעקען קיין האנד אויף שטיצע?

די היינטיגע פסח-אקציע האט בעדארפט פריהער אנגעהויבען ווערען און ארגאניזירט זיין אין גרעסערען פערנעם,




כשר לפסח

KUNEROL

איז גאראנטירטער ריינער שפייז-פעטס פון קאקאסניס

ווערט אויסגעארבייט אונטער דער **השגחה** פון **הרב ר' שמואל שהרענפעלד** פון **מאטטערסבורג** מיט'ן הסכם פון **הרב ר' אברהם צבי פערעלמוטער** אין ווארשא.

אפ דערפון און קומט צוריק קיין לעמבערג.

דא באקענט ער זיך מיט דעם באקאנטען מיסיאנער פון דער לאנדאנער יודישער מיסיאן-געזעלשאפט ראזענשטרייך, וועלכער בעקומט אין משך פון א קורצער צייט די גאנצע השפעה אויף דר. וואלדמאן, און דר. וואלדמאן נעמט אן דעם עוואנגעלישען גלויבן.

עטליכע יאהר שפעטער בעוויזט זיך אין גאליציען דער בשעתו בעקאנטער יודיש-קריסטליכער רעפארמאטאר ידידיה לוקי. די לערע פונ'ם דאזיגען „רעפארמאטאר", די נייע דעליגיע „משיחיזם", איז דעם דר. וואלדמאן געפעלען געווארען און ער ווערט לוקיס הייסער אנהענגער.

אבער צווישען ד"ר וואלדמאן און זיין „ראבי" לוקי אנטשטייען באלד חלוקי-דעות. און דר. וואלדמאן טרעט ארויס פון דער לוקיאנישער געמיינדע.

3

בערך צוויי יאהר נאך דעם דאזיגען פאל איז אין זיין לעבען פארגעקומען א פולקאמענע ענדערונג. דר. וואלדמאן איז דאן געווארען גאר אנ'אנדערער מענטש.

געוועזן איז דאס מיט קנאפע 30 יאר צוריק. אין יענער צייט האט זיך אנגעהויבען די ציוניסטישע בעוועגונג, דער ציוניסטישער רעיון איז וואלדמאנען זייער געפעלען געווארען. ער איז געווען זיכער, אז אין ציוניזם, וועט ער געפינען זיין במשך פון לאנגע יאהרען געזוכטען אידעאל, כדי צו האבען א צוועק אין לעבען.

אין לעמבערג האבען די לאזונגען, וואס ד"ר הערצל האט געווארפען, געשלאגען ווארצלען און דער ציוניזם האט דא באלד בעקומען הייסע אנהענגער.

דר. וואלדמאן איז באלד אוועק צום פרעזעס פון דעם ציוניסטישען פעראיין און איהם ערקלערט, אז ענדליך האט ער געפונען זיין לאנג געזוכטען אידעאל אין ציוניזם און, אלס הייסער אנהענגער, פון דער בעפרייאונג-אידעע פון יודישען פאלק, שטעלט ער זיך אין דינסט פון ציוניזם.

אין אנהויב האט דער פרעזעס ד"ר פארדעס איהם זייער קאלט אויפגענומען, זעהענדיג אין איהם א משומד, וועלכער האט איבערגעריסען אלע פעדים, וואס האבען איהם געבונדען מיטן יודישען פאלק.

אבער ה. איז געווען אזוי צידרינגלעך, אז ער האט איהם נישט געקאנט אפזאגען זיין בקשה, אגב האט ד"ר פארדעס אויך געזען, אז וואלדמאן מיינט די גאנצע זאך ערנסט.

נאך דעם ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס אין באזעל, האט מען אין לעמבערג צוליב פראפאגאנדע-צוועקען איינגעארדנט יעדען דאנערשטאג ציוניסטישע דיסקוסיע אווענטען, אין וועלכע עס פלעגען זיך כסדר בעטייליגען די פיהרער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג פון מזרח-גאליציען. אויך דר. וואלדמאן פלעגט זיך אפט בעטייליגען אין די דאזיגע דיסקוסיעס.

4

אין א געוויסען טאג דעמיסיאנירט דר. וואלדמאן פון זיין שטעלע אין דער פינאנץ-פראקוראטאר. ער ערקלערט אין זיין בקשה וועגען דער דעמיסיע,

גערעכנט... [illegible] ביז היינט זענען די רייכע פון בכבודיגע בעלי-בתים פאַרפֿאַלן געוואָרן. בלי גוזמא וועלן זיך היי-יאָהר געפינען פיעל כוהרים אין בעל מלאכות. וואָס זענען ערשט נישט לאנג געשטאנען אויף די פיס און היינט זענען ווי אראָב פון פלאץ. געוויס וועלן זיך געפינען צווישען די נויטבעדערפטיגע, וואָס ברויכען היינט נעמען שטיצע אויף פסח, ביעל וואָס האָבען ערשט נישט לאנג אנדערע געגעבען.

בסך הכל, האָט מען צו פסח קנאפע דריי וואָכען און פון קיין פסח-אקציע הערט מען נאָך וועניג אויף ווען, אלזאָ, ווארטען אונזערע טהוער א ן עסקנים?

מ. שמשון.


די קאאָפּעראַטיווע
האנדווערקער-באַנק
אין ראַדאָם, לובלינער 31.

פיהרט אויס אַלע באַנק-אָפּעראַציעס.
נעמט אָן אינקאַסאָ איבערווייזונגען,
וועלכע ווערען אויסגעצאָהלט אין דעם זעלבען טאָג.

BIURO PROŚB I PODAŃ
p. n. „PROLITEX"
Radom, Wałowa № 5 (oficyna 1-sze piętro)
**Załatwia**: sprawy wekslowe, administracyjne, paszportowe akcyzowe i t p.
**Redaguje**: wszelkie rekursy, prośby do wszystkich władz państwowych samorządowych i komunalnych.
**Tłómaczy**: z języków obcych na polski i odwrotnie, oraz uskutecznia przepisywanie na maszynach.
**Biuro „Prolitex"** załatwia powierzone zlecenia punktualnie i sumiennie po cenach konkurencyjnych.
**UWAGA!** dla niezamożnej klijenteli znaczne ustępstwa.
Biuro czynne codziennie od godz. 9-ej rano do 8-ej wieczór.












Nowa Parowa Farbiarnia i Pralnia
Chemiczna Józefa Cychnera
RADOM, Spacerowa 21

נעמט אָן צו פארבען, צו וואשען און צו פּוצען אויף א העמישען אופן
מענער און דאמען-גאַרדעראָבע ווי אויך
גארניטורען, קאָסטיומען, פּאַלטענס, קליידער, בלוזקעס
ווי אויך אלערליי פוטערווארג דאָס אלעס ווערט אויסגעפיהרט פּינקטליך
סאָליד און ביי צוגענגליכע פרייזען.


אז ער מוז זיך אָפּזאגען פון זיין שטע-לע צוליב דעם, וואָס ער וויל נישט, מען זאָל איהם גרינגשעצען און בע-טראכטען פאר א משוגענעם, ווייל ער האָט געביטען במשך פון א קורצע צייט עטליכע מאָל זיין גלויבען. און אזוי ווי ער וויל איצט זיך אינגאנצען ווידמען זיין נייעם אידעאל, מוז ער דעמיסיאָני-רע פון זיין פּאָסטען. ער האָט בעקומען 10.000 קראָנען ענטשעדיגונג, און האָ-בענדיג אזא היבשע סומע געלט אין קעשענע, האָט ער זיך גענומען צו דער ארבייט.

ער האָט געשאַפען א רייהע געזעל-שאַפטליכע אינסטיטוציעס אין לעמבערג ווי למשל: דעם „פעראיין פאר פרויען-שוץ" און א גאנצע רייהע אנדערע.

דעם אמת געזאָגט, האָט מען זיך אין די ציוניסטישע רייהען צו דעם דאָזיגען פאנאטיקער ווארים בעציגען. און יער עס האָט א מאָל אין ציוניסטישען פער-איין אָדער אויף א פּראָפּאגאנדע-פער-זאמלונג געהערט זיין פייערדיגע העב-רעאישע רעדע וועגען גאולת עם וארץ האָט אינגאנצען פערגעסען, אז דאָס דערט א מענש, וואָס איז געווען אנט-לאָפען פון זיין פאָלק און גלויבען...

.5

אזוי האָט עס געדוירט עטליכע יאָהר. ד"ר וואלדמאן האָט אויסגעזעהן צו זיין צופרידען. ער האָט געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט — אינם ציוניזום.

בשעת דעם 6-טען קאָנגרעס, ווען עס איז אויפגעשוואומען די אוגאנדא-פראגע האָט ד"ר וואלדמאן געליטען א נייע אנטוישונג.

דער ציוניסטישער „ווסכאָד" האָט דעמאָלסט ארויסגעגעבען אַן'עקסטרא-אויסגאבע, וועלכע האָט מודיע געווען, אז מען שלאָגט פאָר „אוגאנדא" אלס א היים פאר'ן יודישען פאָלק. ד"ר וואל-דמאן, וועלכער איז געווען א פעברי-סענער בעקעמפער פון דער אוגאנדע-פראגע, איז דעמאָלס שיער נישט משוגע געוואָרען פאר כעס. ער איז אינגאנצען ארויס פון די כלים. ווי א משוגענער, האַלב נעקעט איז ער ארויס אויף דער גאס, געלאָפען פון איין ציוניסטישען פי-רער צום צווייטען און געשריגען:

— „פארראט! מען האָט פארראטען דאָס יודישע פאָלק, אנשטאט ארץ-ישראל גיט מען איהם אוגאנדא"...

די דאזיגע מעשה האָט אויף ד"ר וואלדמאַן געמאַכט א שווערען איינ-דרוק. ער האָט זיך אנטוישט -- האָט ער געטענהט — אויך דא האָט ער נישט געפונען יענעם גאָט, וועלכען ער האָט געזוכט.

געבליבען איינזאם אליין, אָן א אי-דעאל, נאָך וועלכען ער האָט אזוי גע-בענקט, האָט ער בעשלאָסען צו באגיין זעלבסטמארד. דערפון האָבען זיך דער-וואוסט זיינע פריינד און האָבען איהם אָפּגעהיט פון דאָזיגען שריט.

א פּאָר טעג שפּעטער איז ער פער-שוואונדען געוואָרען, ווי א שטיין אין וואסער. שפּעטער האָט מען זיך דער-וואוסט, אז ער געפינט זיך אין אמערי-קא און איז געוואָרען א „נעא-קריסט". נעאָ קריסטען איז א בעוועגונג, וואָס האָט געוואָלט פעראייניגען דאָס גוטע פון דער יודישער אמונה און דאָס שיי-נע פון דעם קריסטליכען גלויבען.

אָבער אויך דאָ האָט ער נישט גע-פונען קיין בעפרידיגונג. פון ניו-יאָרק איז ער אוועק קיין ארץ-ישראל, וואו ער איז שוין פערבליבען עד-היום. אין אָנהויב איז ער געוואָרען בעגייסטערט פון סאן-רעמא, בעלפור-דעקלאראציע, אנטוויקלונג פון ארץ-ישראל און איז געוואָרען א הייסער ציוניסט. ערשט מיט א יאָהר צוויי צוריק האָט ער פאר גרויס התלהבות, ווי מען דערציילט, צוזאמען מיט'ן ד"ר קלויזנער געטאנצט א רקוד"ל ביים דראָהאָביטשער רבי'ן אין ארץ-ישראל.

פאר א יאָהרען איז ער אָבער פּלוצ-לונג אנטלאָפען פון ציוניזם און האָט אנגענומען דעם מאכאָמעדישען גלויבען. היינט איז ער איינער פון די איינ-פלוסרייכע אראבישע פירער און רופט זיך: אום אישא. דאָס זענען געלייענט צוריק: „אישא אום" די ראשי תיבות פון: „איש יהודי, שהפש אחרי אלהים ולא מצא"... (א ייד, וואָס האָט געזוכט א גאָט און נישט געפינען.)

# פאטאקאל
## כשר לפסח




### „מה נשתנה"

כ'וועל אייך לאנג נישט פארהאלטן, בלויז א קורצע ווײלע
כ'וועל נישט פרעגן 4 קשיות, נור 1 קליינע שאלה,
וואס איז די אורזאכע פון דער געשאפענער לאגע
וואס אויף קאקאס פוטער „פאטאקאל" איז אזא גרויסע נאכפראגע.
כ'בין אין א סך געשעפטן געווען
און א גוזמא אפשר א מאה
און אומעטום, שווער איך אייך ביי מיין „הן"
שטייט נאך „פאטאקאל" א גרויסע רייע.

• • •

וואס איז אין דעם באהאלטן פאר א צויבער
וואס פאר א צוציהונגס-קראפט
וואס מענטשן באפאלן עס ווי רויבער
און ווי פליגן — זיסן זאפט.
וואס איז דאס בכלל פאר א נייער סארט „מן"
וואס ווערט, ווי מ'זאגט, באנוצט אין אלע קור-ארטן
און וואס יעדער „פאני און פאן"
זינגט אים לידעלעך דא און דארטן.

### „עבדים היינו"

מיר אלע מגדול ועד קטן
זיינען געווען קנעכט ביי די בייזע דעספאטן,
בוימאייל, פוטער, שמאלץ און אנדערע פעטסן
זיי האבן אונז געפייניגט און מיר האבן זיי געמוזט שעצן.
מיר זיינען געווארען קראנק, פאר'חשכ'ט, פארשווארצט
און האבן שטענדיק געמוזט אנקומען צו די הילף פון אנ'ארצט
און מיר וואלטן אזוי אייביק געבליבן פארשקלאפט
ווען ווי א מ'אך וואלט נישט ערשיינט „פאטאקאל" מיט זיין גאנצער קראפט
און אן בלוט פארגיסונג און אן מיה
האט ער געמאכט אנ'איבערקערעניש אין דער גאנצער עקאנאמיע.

### כמה מעלות טובות

באזיצט „פאטאקאל" איבער באפרייער
ערשטענס קאסט ער נישט טייער
און מ'קען אים נוצן צו אלץ
אי אנשטאט בוימאייל, אי פוטער, אי שמאלץ
און ער איז היגעניש, עקאנאמיש, זויבער, כשר, געשמאק, נארהאפט און פעט
און אין דעם איז באהאלטן זיין צויבער, אין דעם ליגט דער סעקרעט
וואס פון יאקאהאמא ביז אקספארד
ווערט ער באנוצט פון ארימאן ביז'ן גרעסטען לארד.
איבעראל האט ער דערגרייכט דעם העכסטען קורס
און איז געווארן ביי אלעמען דער בעסטער ידיד,
ווערט בענוצט אין ערשט-קלאסיקן רעסטאראן „לורס"
אויך אין טעאטער „ספלענדיד"
און אויך אמבעסטען אויפ'ן נארד פאל
שיקט כסדר גרויסע מענגעס „פאטאקאל"

### ונאמר לפניו שירה חדשה

לאמיר דרום אלע זינגען אין איין קול —
זאל לעבען, זאל לעבען „פאטאקאל"!!!

י. מ

באראנאװיטש. 10- 5


# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## דער קצבים - שטרייק זיך פערענדיגט.

דער קצבים-שטרייק, וואס האט אבגעהאלטען קנאפע 10 טעג, האט זיך דעם היינטיגען דינסטאג פערענדיגט.

די סבה פון שטרייק איז נעווען, וואס דער קצבים-פעראיין האט לעצטענס נישט געוואלט מסכים זיין, אז די 56% פון דער שחיטה הכנסה זאל איינפליסען אין גמינע-קאסע, נאר פערלאנגט אז דאס געלד זאל בלייבען צו דער דיספאזיציע פון זייער פעראיין. די קצבים האבען זיך דערפאר געוואלט מתחייב זיין אבצוצאהלען קהל א געוויסען יעהרליכער שטייער פון דער שחיטה. היות די גמינע איז דערויף נישט איינגעגאנגען איז צווישען די צדדים ענטשטאנען א שארפער סכסוך. אנגעהויבען האט זיך דערמיט, וואס די קצבים האבען זיך ענטזאגט צו שחט'ען ביים שוחט ה' עמרי'הו בערמאן, היות וויבאלד זיי האבען חושד געווען, אז ער האט געשאדענט זייערע אינטערעסען. פאראכטאגען מאנטאג האט דער קאנפליקט צווישען דער גמינע און קצבים אנגענומען א קאמפפ'ס-כאראקטער און די קצבים האבען ערקלערט, אז זיי וועלען פיהרען די שחיטה, נאר בתנאי זיי אליין זאלען צאהלען די שוחטים זייער שכירות, אהן פערמיטלונג פון דער גמינע. אזוי ווי די שוחטים אבער האבען דערויף נישט איינגעשטימט, נישט וועלענדיג זיך געגענשטעלען דער גמינע, וועלכע צאהלט זיי אלס אנגעשטעלטע אויס די פענסיעס. האבען די קצבים פון דעם טאג אן אויפגעהערט צו שחט'ען און אין רעזולטאט דערפון איז אויסגעבראכען דער שטרייק.

כדי אויסצוגלייכען דעם קאנפליקט האט דער קהלה-ראש, אויף זיינעם א זיצונג פאריגע וואך, אייסגעוועהלט א פערשטענדיגונג'ס-קאמיסיע, וואס זאל אונטערהאנדלען מיט'ן קצבים-פעראיין, אבער די אונטערהאנדלונגען האבען צו קיין שום קאנקרעטע רעזולטאטען נישט געבראכט, דער שטרייק האט זיך כסדר פערשארפט, און אין שטאדט האט געלאזט זיך שטארק פיהלען א מאנגעל אין פלייש. ביידע צדדים האבען זיך געהאלטען פעסט ביי זייערע בעשלוסען און דער סכסוך וואלט אזוי גיך קיין ענדע נישט גענומען, ווען נישט די אונטערהענג פון ה' סטאראסטא, וואס האט אויפמערקזאם געמאכט די קצבים, אז צוליב דעם שטרייק קומט אויס די שטאדט צו ליידען און אויך נאכדעם ווי דער ה' סטאראסטא האט אויסגעדריקט זיין ווונש די קצבים זאלען אנהייבען שחט'ן איז דער שטרייק א דאנק דעם ליקווידירט געווארען.

לויט ווי מען גיבט א נו איבער, זאל דער ה' סטאראסטא האבען ערקלערט דער קצבים-דעלעגאציע, אז זיי זאלען זיך ווענדען אין דער סטאראסטווא מיט אנ'אויספיהרליכען מעמאריאל און אויפקלערען זייערע פאדערונגען, וואס זיי שטעלען זיך ארויס צו דער גמינע, ווייל דאן איז מעגליך, אז די לאקאלע מאכט, זייענדיג אריענטירט, אין וואס ס'האנדעלט זיך, וועט אינטערווענירען אז דער סכסוך זאל ענדגילטיג אויסגעגלייכט ווערען.

## צי וואלט דאס אויך געווען אויף דער לובלינער גאס?

שוין זינט עטליכע וואכען איז די פאדוואלניא גאס אונטערגעגראבען צוליב דער קאנאליזאציע, וואס די „אולען" פיהרט דארט א דורך. די גאנצע גאס איז אזוי פערשאטען מיט דער אויפגעגראבענער ערד און שטיינער, אז ס'פעהלט שוין פשוט אויס א וועג וואו דורכצוגעהן. דערצו איז די גאנצע גאס פערפלייצט מיט וואסערען און בלאטעס, אז מ'דארף זיין א סטראטעגיקער מ'זאל דורך בשלום, נישט איבערלאזענדיג קיין פיס. א חוץ דעם געהט מען ווי בעוואוסט דורך דער פאדוואלניא אין דער שוהל-גאס אריין און יודען, וועלכע ווילען געהן דאווענען אין שוהל און בית-מדרש מוזען זיך לאנג מאטערען, ביז זיי קלעטערן דורך די וואסערען און בלאטעס. פיל מאהל מוז מען פון איין גאס אין דער צווייטער אריבערווארפען א ברעט און אזוי נאך מיט קונצען אריינבעקומען זיך אין שוהל-גאס.

דעם „אולען" געהט עס קנאפ אן, וואס יודישע איינוואהנער האבען געקוועהלט און אפילו דאס, וואס יודען קענען נישט געהן דאווענען און זי זארגט זיך ווייניג, אז די שטיינער מיט די בלאטעס זאלען בעזייטיגט ווערען און מענשען זאלען קאנען דורכגעהן.

צי וואלט זיך „אולען" אויף אזעלכעס אויך ערלויבט אויף דער לובלינער גאס?

ס'איז דער חוב פון די יודישע ראטמענער, זיי זאלען ווענדען דעם אויפמערקזאם מאכען די שנאזט בעהאלטונג ביים מאגיסטראט, זי זאל פער-

שטעקלאר-פאבריק
OPTIMA
S. A.
אין קראקא
ארבייט אויס ווי אין די פריערדיגע יאהרען
אויך דאס יאהר
שאקאלאד
כשר לפסח
אונטער די אויפזיכט
פון ראבינאט.

**לעצטע זיצונג פון שטאדט ראט.**

דער שטאדט-ראט האט דעם היינטי-גען דינסטאג אבגעהאלטען זיין לעצטע זיצונג. פון אלע פונקטען, מיט וועלכע דער טאגעס-ארדנונג איז געווען אויסגע-פילט, איז נישט מעהר ביטראכט געווא-רען ווי דער בריעף פון ה' וואָיעוואָדא אין קעלץ, וועלכער האט מיטגעטיילט דאס אויפ'ן סמך פון דער פאראָרדנונג פון אינערן-מיניסטעריום ווערט אָפיצי-יעל דער שטאדט-ראט אויפגעלעזען אנווייזענדיג די מאטיווען, צוליב וועלכע דער שטאדט ראט ווערט פונאנדערגע-לאזט, ווערט גלייכצייטיג אין בריעף פון ה' וואָיעוואָדא פעסטגעשטעלט די צייט-ווייליג, אין משך פון וועלכער די וואהלען צום נייעם שט.-ראט זאלען רעאליזירט ווערען. דער וואהל-גאנג ווערט דורך ה' וואָיעוואָדא בעשטימט פון 2-טען קוויטשען ביז'ן 3-טען מאי ווען די וואהלען ברויכען פאקטיש פאר-קומען.

דורך דער צייט וועט דער מאגיס-טראט מאכען אלע נויטיגע פארבערײ-טונגען צו די נייע וואהלען.

נאך דער אפיציעלער מיטטיילונג אז דער שט.-ראט ווערט פונאנדערגע-לאזט, געזעגענט דעם שט.-ראט אין נאמען פון דער ענדעקישער פראקציע, אדוו. ה' ניעדזשוויעצקי. פון די יודישע ראטמענער נעמט דערנאך א ווארט ה' בריליאנט, וועלכער זאגט צו. אנד. אז די שטאדט האט יעצט פרייע הענד און קאן וועהלען זיעם, וואס זי וויל אין פערשטעהט.

* * *

אין צוזאמענהאנג מיט די וואהלען צום נייעם שטאדט-ראט קומט פאר דיעם קומענדיגען זונטאג אין האנד.-קלוב א בעראטונג פון אלע פאך-פארטעיען וועגען אננעמען א שטעלונג צו די פאר-שטעהענדע שטאדט ראט וואהלען.

---

דאנערשטאג כ"ז אדר שני אין טאג פון דער יאהר-צייט פון ר' ישראל פרענקעל ז"ל, האט די פאמיליע געשטעלט א מצבה די פרוי שפרינצה פרענקעל

נ. ע.

דעם עכטען
SIROLIN
<ROCHE>
קען מען ווידער בעקומען
אין אלע אפטייקען אין פוילען
צום פרייז 6,50 זל.

Teatr „ROZMAITOŚCI“ w Radomiu.
מאנטאג דעם 4-טען קוויטשען נור 1 אויפטריט פון בערימטען פוילישען טראגיקער
KAROL ADWENTOWICZ
מיט'ן אנטייל פון די בערימטסטע ארטיסטען פון די ווארשאווער טעאטערען
עס וועט אויפגעפירט ווערען דאס בערימטע ווערק פון סטרינדבערג
OJCIEC
דראמע — אין — 3 אקטען
בילעטען פון 1.20 — 4.20 זל.

Dr. med. I. Kleinberger
*specjalista chorób, uszu, nosa i gardła*
PRZEPROWADZIŁ SIĘ
Radom, ul. Moniuszki 4, I-sze piętro
(dawniej KOŚCIELNA).

Teatr „ROZMAITOŚCI“ w Radomiu.
דינסטאג דעם 5-טען קוויטשען
WIECZÓR BALETOWY
פון די בערימטע באלעט מייסטערן
G R E M O
העררליכע פאנטאסטישע טענץ — א אָווענד פון קינסטלערישען גענוס
אנפאנג 8 אָוונד.




CERES Tłuszcz Jadalny
אין פריש אנגעקומען, צו בעקומען אין אלע קאלאניאל-געשעפטען. די אויס-ארבייטונג פון צערעס-שפּייז-פעטס אין אונזערע פאבריקען שטעהט שטענדיג אונטער דער פערזענליכער השגחה פון הרב שמחה פרענקעל מסקאווינא. אין דער שפּייז-פעטס קען רעקאמענדירט ווערען אלע פרומע יודען.
Saturnia, S. A. Warszawa.

Kino „CORSO“ w Radomiu.
Od czwartku 31 do niedzieli 3 kwietnia 1927 r.
MONTE CARLO
*Potężny dramat w 10 aktach.*

Kino „ODEON“ w Radomiu.
Od 28 marca 1927 r.
ווערט דעמאנסטרירט דאס העררליכע בילד
פּו-חור

Kino „CZARY“ w Radomiu.
Cały świat orzekł, że najwspanialszym filmem wszystkich czasów jest:
FAUST
filmowa epopeja miłości, grzechu i śmierci.
W rolach głównych
Emil Jannigs, Kamila Horn i inn

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC. Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska № 20